ענדיקע לעבנס-פאָרמען, ניט לאָזן שפורלאָז פאַרשווינדן דעם אויסזען פון דער אַלטער יידישער שטעטל, פון דער יידישער גאַס און שטוב, פונם יידישן פאָלקס-מענטש און זיין הילוך, פון קראָם און ווערקשטאַט, פון קלויז און לערנאַנשטאַלט, פון שבת און וואָך, פון שמחה און טרויער; פאַרפיקסירן די אַלטע פאָלק-שפראַך, דעם וויץ און גלייכווערטל, פאָלקס-מעשה און פאָלקס-ליד, שפיל, געזאַנג, טאַנץ א. א. וו.

כדי דאָס צו פאַרווירקלעכן, מוז מען באַרייזן די פּראָווינץ, זוכן, נישטערן, פאָרשן, אויספרעגן אַלט און יונג, פאַרשרייבן, פאָטאָגראַפירן א. א. וו.

דערצו זיינען אָבער נויטיק מיטאַרבעטער און געלט-מיטלען.

יעדער איינער, וואָס פאַרשטייט ווי אַפּצושאַצן די וויכטיקייט פון אָט דער אויפגאַבע, דאַרף דערין מיטהעלפן דער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט, זאַמלענדיק מאַטעריאַלן און זיך פאַרשרייבנדיק אַלס מיטגליד.



*מוזיי און אַרכיוו פון דער ייד. היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט.*

אַלע מינים מאַטעריאַלן, וואָס ווערן געזאַמלט, ווי ביכער, צייטשריפטן, דרוק-זאַכן, פנקסים, מאַנוסקריפטן, בילדער, פאָטאָגראַפיעס, חפצים, פאָלקלאָר-מאַטעריאַלן א. אנד., ווערן קאָנצענטרירט אין דעם ספּעציעלן לאָקאַל פון דער יידישער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט, וווּ זיי ווערן ווי געהעריק קלאַסיפיצירט און אויפגעהיט, צום טייל אויך אויסגעשטעלט און זיינען צוגייענגלעך פאַרן פּובליקום.



ווינקל פון קאָונער רב הגאון ר' יצחק אלחנן ז"ל אין דעם מוזיי פון דער ייד. היסט. עטנאָגר. געז.

דאָ, אין דעם באַשיידענעם לאָקאַל, ווערט בהדרגה געשאַפן אַ יידישער מוזיי און אַרכיוו, אַ מקום-מקלט פאַר ייד. אַלטערטימלעכקייטן און אַלערהאַנט מאַטעריאַלן פאַר דער היסטאָריע און עטנאָגראַפיע פון יידן אין ליטע.

אין דעם מוזיי געפינען זיך: בילדער און פאָטאָגראַפיעס פון אַלטע, אין יידישן סטיל געבויטע שולן, פון אַלטע, אָריגינעלע מצבות, פון וויכטיקע יידישע פּערזענלעכקייטן, וואָס שטאַמען פון ליטע, פון יידישע פאָלקס-טיפּן און לעבנס-שטייגער, אַלטע וואַנט-בילדער א. אַנד. חפצים פון דער פּאַרצייטיקער ייד. שטוב, אַלטע שטעמפּלען פון חברות, שניצערייען, מעדאַליאָנען און אָפּצייכענונגען.

אין אַ באַזונדער ווינקל געפינען זיך פאַרשידענע חפצים פונם וועלט-באַרימטן קאָונער רב

ר' יצחק אלחנן ספעקטאָר ז"ל. דאָ געפינט זיך זיין שטול, גאַרטל, חנוכה-לאָמפּ, שטעמפּל און בילדער פונם גאון, פון זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער א. אַנד.

דער אַרכיוו פאַרמאָגט:

אַ גאַנצע ריי אַלטע כתב-ידן, האַנט־שריפטלעכע ווערק (בתוכם אַ ניט געדרוקט ווערק „תמים דעים", אַ פּירוש אויף דעם „מורה נבוכים" פונם רמב"ם, פאַרפאַסט דורך דובער הלוי סגל פון דאלהינאוו במדינת ליטא אין יאָר תקנ"ג — 1793).

פּנקסים (צווישן זיי אַ פּנקס פון בעלי־מלאכות אין קעדאַי־ניאי פון אָנ־הויב XIX י"ה), בריוו פון חשובע פּערזענלעכ־קייטן, ביכער מיט אויטאָ־גראַפן פון זיי־ערע מחברים, פאַרשידענע דאָקומענטן א. אַנד.




בלאַט פון אַן אַלטן מחזור, געדרוקט אין אַמשטערדאַם



ביכער פון אַלטע דרוקן (פון XVI ביזן XVIII י"ה), דערין אַ גאַנצע ריי פון די ערשטע דרוקן אין ליטע: אין הוראָדנע און ווילנע; אַ גרויסע זאַמלונג ווערק פון פאַרצייטיקע ליטווי־שע רבנים און עלטערע שרייבער, עלטערע צייטונגען און זשורנאַלן;

אַ ספּעציעלער אָפּטייל א. נ. „דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט אין ליטע", אין וועלכן עס געפינען זיך הונדערטער ביכער, פּרעסע-אָרגאַנען און פאַרשידענע קאָלעקציעס קלענערע דרוק-זאַכן, וואָס זיינען דערשינען אין ליטע (אין קאַונאַס, קעדאַיניאַי, שיאַוליאַי, פּאַנעוועזשיס, ווילקאַווישקיס, ראַסייניאַי א. א.) אין משך פון די לעצטע 20 יאָר;

פאָלקלאָר-זאַמלונגען: פאָלקס־לידער, שפּריכווערטער, סגולות און אָפּשפּרעכענישן, פאָלקס־מעשיות און לעגענדעס, צונעמענישן, רעטענישן, קינדער־לידער א. א. וו.

מיטהעלפן ווייטער אויסבויען און אויסברייטערן דעם

מוזיי און אַרכיוו

דאַרף זיין דער ערן=חוב פון יעדן באַוווסטזיניק יידן אין ליטע: זאַמלט און שיקט צו מאַטעריאַלן! שרייבט זיך איין פאַר מיטגלידער פון דער יידישער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט! ווערבירט מיטגלידער צווישן אייערע פריינט און באַקאַנטע!